בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ג' | פ' נצו"י | כ"א אלול | תשע"א | פסחים: צ"ח.

# באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה לצעירים אין קרית יואל – בהנהלת הרה"ג ר' שלמה זאבעל שליט"א.

פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אהרן צבי אינדיג הי"ו פון קרית יואל, דערנאך איז אין ביהמ"ד אוהל פיגא פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' אברהם קליין הי"ו פון קרית יואל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד להר"ר יחזקאל שטיין שליט"א ר"מ בישיבה איידעם פון הרה"ח ר' שואל הכהן פריעדמאן שליט"א משב"ק, דערנאך איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים ווי דער רבי שליט"א האט משמיע געווען דברות קודש פאר די בחורים לרגל סיום הזמן.

&•&

מיטאג צייט האבן זיך א חבורה פון העכער 50 בחורים תלמידי הישיבה הגדולה געשטעלט צום פאהרער ביי מרן רבינו שליט"א אויף גאנץ מס' פסחים בע"פ, וואס זיי האבן דורכגעלערנט דעם יאהר העעל"ט.

&•&

## מסיבה לטובת קופת אבני חסד היינט נאכט אין בארא פארק

הונדערטער אנ"ש תושבי בארא פארק וועלן זיך אי"ה באטייליגן ביי די יערליכע מסיבה לטובת די קופת צדקה פון מרן רבינו שליט"א קופת "אבני חסד" וועלכעס וועט אי"ה היינט נאכט פאהרקומען אין שטוב פון הרבני הנגיד מוה"ר משה כהנא הי"ו אויף 1336 50'סטע סט.

ביי דער געלעגנהייט וועלן אנשי שלומינו תושבי בארא פארק האבן דעם מעגליכקייט ארייננצוגיין אל הקודש פנימה צו מרן רבינו שליט"א בפו"פ לקראת די הייליגע טעג, ווי עס איז היי יאהר – צוליב'ן ריבוי העם בלעיה"ר – אהערגעשטעלט געווארן א בעסער'ן סדר אויף ארייננצוגיין אל הקודש פנימה.

די מסיבה הויבט זיך אהן פון 6:00 אזייגער און ווייטער, און דער זמן כניסה איז ביז 10:00 אזייגער פונקטליך.

*-שטיצט דעם רבינ'ס צדקה קאסע-*

&•&

# ערשטן דינער אין וויליאמסבורג לטובת בארימטע עי. טיים ארגענעזאציע

היינט אווענט ווערן זיך אנשי שלומינו ציילן צווישן די אלפי תושבי וויליאמסבורג וועלכע ווערן אי"ה קומען ארויסוויזן שטיצע פאר די גאהר וויכטיג און בארימטע ארגענעזאציע "עי טיים", וועלכעס קומט פאהר אין די זאלן פון עטרת אברהם אום 7:00 אזייגער אין אווענט ווי א גאהר רייכער פראגראם איז צוגעגרייט געווארן.


דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער,
און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין
מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען
פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.